# וואס איז נעילאַקסאָון?

# What Is Naloxone?




## איבער נעילאַקסאָון

נעילאַקסאָון איז א זיכערע מעדיצין וואס קען אפשטעלן די אנטוויקלונג פון אן אָפּיויד אָווערדאָוז.

עס ארבעט נאר אויף אפּיוידס (צום ביישפיל הערא‍ָואין, פענטאניל און ווייטאג מעדיצין וואס דארף האבן א פּרעסקריפּשען) אבער עס איז זיכער צו נוצן אפילו אויף א מענטש וואס האט נישט גענומען קיין אפּיוידס.

**וויכטיג:** זאגט פאר אנדערע וואו די נעילאַקסאָון ליגט און וויאזוי עס צו נוצן.

## וויסן אויב עס איז אן אָווערדאָוז

**סימנים פון אן אפּיויד אָווערדאָוז רעכענען אריין:**

- נישט רעאגירן אדער פארלירן באוואוסטזיין
- שטייטע אדער אויפהערן אטעמען
- בלויע, גרויע אדער ווייסע ליפן אדער שפיץ פון די פינגער
- זיך הערן ווי שנארכן אדער גארגלען

**קוקט אויב דער מענטש רעאגירט בעפארן גיבן נעילאַקסאָון:**

- שרייט הויך צו זעהן אויב דער מענטש רעאגירט.
- אויב זיי רעאגירן נישט, רייבט אריין א פארמאכטע פויסט אויף דיביין אין די מיטן פון די ברוסטקאסטן (די סטערנום).



**אויב דער מענטש רעאגירט נישט צו די רייבן אויף די ביין, איז עס אן עמערדזשענסי!**

## וואס צו טוהן אין פאל פון אן אָווערדאָוז

1. רופט **911** פאר מעדיצינישע הילף. זאגט זיי אז איינער אטעמט נישט.
2. גיבט נעילאַקסאָון. פרובירט נישט אויס די מעדיצין צו זעהן אויב עס ארבעט, עס קען נאר גענוצט ווערן איינמאל.




עפנט | לייגט אריין | דרוקט

מען דארף גארנישט צוזאמשטעלן. שפריצט אריין די נעילאַקסאָון אין איין נאז לאך דורכן ארייגשטופן די פלאָנדזשער.

**אויב דער מענטש רעאגירט נישט ביז צוויי מינוט, גיבט א צווייטע דאזע.**

3. אטעמט אריין אדער מאכט CPR אויף דעם מענטש ווי שנעלער. די נעילאַקסאָון קיט האט אויך א שילד צו באשיצן די פנים.
   - בויגט דעם מענטשן'ס קאפ אויף הונטן און קוועטשט צו זייער נאז.
   - בלאזט אריין צוויי אטעמען און קוקט צו זעהן די ברוסט זיך אויפהייבנדיג.
   - גיבט ווייטער איין אטעם יעדע פינף סעקונדעס.



4. ווען איר גיבט נישט נעילאַקסאָון אדער אטעמען, לייגט דעם מענטש אויף זייער זייט צו פארמיידן פון זיי זיך צו שטיקן.



## נאכן גיבן נעילאַקסאָון

**בלייבט מיט דעם מענטש ביז מעדיצינישע הילף קומט אן.**

- נעילאַקסאָון ארבעט פאר 30 ביז 90 מינוט און דורכאויס די צייט קען עס פאראורזאכן סימפטאמען וואס קומען ווען די קערפער פארלירט א דראג צו וואס עס איז צוגעוואוינט.
- נוצן מער דראגס איז נישט ווארשיינליך צו פארגרינגערן די סימפטאמען, אבער עס קען יא פארגרעסערן די אויסזיכטן פון נאך אן אָווערדאָוז.

**באריכטעט דאס באנוץ מיט נעילאַקסאָון צו דעם פראגראם פון וואו איר האט עס באקומען, אדער נוצט די Stop OD NYC עפּ.**

באקומט א נייע קיט אויב איר נוצט איין אדער מער דאזעס אדער ווען די נעילאַקסאָון לויפט אפ.

## שטיצע

רופט NYC Well אויף 888-692-9355 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך צו טרעפן נעילאַקסאָון אדער פאר שטיצע מיט דראג באנוץ אדער גייסטישע געזונטהייט.

NYC Health

8.22 Yiddish